

# דער פחד יצחק

## אדמו"ר הרה"ק ר' יצחק פריעדמאן פון באיאן, דער פחד יצחק

די שטאט סאדיגורא איז געווען פיל מיט די חסידים וואס זענען געקומען פראווין די הייליגע ימים נוראים שנת תר"י בצל קודשו פונ'ם הייליגען רבי, הרה"ק ר' ישראל פון רוזי'ן, וואס האט דענמאלס געוואוינט אין די שטאט סאדיגורא, די ערשטער טאג ראש השנה, איז שוין אריבער בתפילה ותחנונים, מען האלט שוין ביי די צווייטע טאג פון ראש השנה, ווען עס פארשפרייט זיך די בשורה אז דער הייליגע נשמה פון דער "פחד יצחק", דער באיאנער רבי, איז אראפ אויף די וועלט. ער איז געבוירען אלס די דריטע זוהן פון הרה"ק ר' אברהם יעקב, דער אלטער רבי פון סאדיגורא, וואס איז געווען די צווייטע זוהן פון די הייליגע רוזי'נער, הרה"ק ר' ישראל. זיין מאמע, מרים, איז געווען דער טאכטער פון הרה"ק ר' אהרן פון קארלין, די "בית אהרן". ביים ברית האט מען איהם א נאמען געגעבן יצחק, ע"ש יצחק אבינו, וויבאלד ער איז געבוירען געווארען אויף ראש השנה ווען מליינט די עקידת יצחק. האטש ער איז געווען בלויז א יאר אלט ווען זיין זיידע הרה"ק די הייליגע רוזי'נער איז אוועק אויף ג' חשון שנת תרי"א, האט די רבי נאך געדענקט זיין הייליגע זיידע און פלעגט איבער זאגען זאכען וואס ער האט נאך געדענקט פון איהם.

נאך ווען ער איז געווען גאר יונג איז שוין זיין גרויסקייט געווען באוואוסט. ווען ער איז געווען 9 יאר אלט איז ער א חתן געווארען מיט מלכה, די טאכטער פון הרה"ק ר' יוחנן פון ראחמיסטריווקא (דער יונגסטע זוהן פון די טשערנאבילער מגיד). זעקס יאר שפעטער אין שנת תרכ"ה האט ער חתונה געהאט מיט איהר. זיין שווער האט איהם מורא'דיג שטארק געשעצט, און אמאהל געזאגט: "די מחותן די סאדיגורא'ער האט קינדער דיימאנטען, און איך האב מיר אויסגעקליבען די בעסטע דיימאנט פון אלע". זיין פעטער הרה"ק ר' דוד פון טאלנא האט זיך אויסגעדרוקט נאכ'ן זעהן די רבי: "ער איז כולו רוחנו, ווי א נשמה איינגעוויקעלט און א גוף". דעם ערשטן ראש השנה נאך זיין חתונה בשעת תקיעת שופר איז ער געשטאנען נעבן די בימה מיט זיין שווער וואס איז געווען דער בעל מקריא. ער האט אזוי שטארק געוויינט אז ווען ער האט זיך אוועק געריקט נאך די תקיעות האט מען געזעהן דארט אויף די ערד א טייכל (puddle) פון טרערין, די עולם האט זיך געוואונדערט ווי א אזוי א אינגערמאן האט אזוי פיל געקענט וויינען!.

נאך דעם וואס זיין טאטע, דער סאדיגורא רבי, איז נסתלק געווארן אויף י"א אלול שנת תרמ"ג האט ער אנגעהויבן צו פירן די חסידים אין סאדיגורא צוזאמען מיט זיין אינגערע ברודער הרה"ק ר' ישראל (די "אור ישראל") פון סאדיגורא (נאך וואס די צוויי עלטערע ברודער'ס הרה"ק ר' אשר און הרה"ק ר' שלמה'ניו זענען אוועק בחיי אביהם). און אזוי איז אנגעגאנגען פאר דריי יאר, פאר די חסידים איז אבער נישט געווען גרינג זיך צוגעוויינען צו האבן צוויי רבי'ס, האבן די צוויי הייליגער ברודער געמאכט א הסכם צווישען זיך, און אויף ח"י חשון שנת תרמ"ז האט דער רבי זיך אריבער געצויגן – האטש ער איז געווען עלטער – צו דעם דערנעביגן שטעטל, באיאן. ביז היינט איז ח"י חשון א יום טוב פאר באיאנער חסידים לזכר דער טאג וואס מען האט באקומען א שטערקערע התקשרות צו השי"ת און צום צדיק.

מען האט איהם גערופען מיט דער נאמען "פחד יצחק", נישט צוליעב א ספר וואס ער האט געשריבען, נאר צוליב זיין שטארקער דביקות און יראה צו השי"ת. יעדער וואס האט איהם נאר געזעהן האט געכאפט א פחד. זיינע אלע חסידים, אפילו די עלטערע, האבן געציטערט אריינגיין צו דער רבי אפילו נאר אריינצוברענגען קוויטלאך. ס'האט דערציילט הרה"ג ר' וועלוויל מינצבערג, א רב אין ירושלים, אמאהל ווען ער איז אריבער

געפארן באיאן איז ער געגאנגען זעהן די רבי. אין באיאן איז געווען די מנהג אז אלע חסידים פלעגן שטיין אין צוויי שורות פאר די רבי אדורך צו גיין פון די הויף (זיין שטוב) ביז צו דער קלויז, כדי אז יעדער זאל קענען כאפן א בליק אויפ'ן רבי. ווען דער רבי איז אדורך ר' וועלוויל, האט ער געכאפט אזא פחד אז די גאנצע גוף זיינע האט זיך געטרייסעלט פון ציטער, ביז ער איז געווארען אזוי אפגעשוואכט, אז ער האט זיך געדארפט אראף לייגען אין א בעט, אזוי איז ער געלעגען און די בעט און געוויינט פון פחד און שרעק פאר איבער א שעה!. ר' וועלוויל האט אויסגעפירט: "איך בין נישט א באיאנער חסיד און אויך בין איך בטבע נישט קיין בעל רגש... אבער אפילו אזוי האב איך געכאפט אזא התעוררות!". אויך איז געווען ביי איינער פון די עלטערע חסידים, הרה"ג ר' דוד'יע אורטינבערג, די רב פון די שטאט בארדיטשוב, בעל "תהלה לדוד", וואס איז געווען פופציג יאר עלטער פון די רבי, און איז נאך געווען א חסיד פון די הייליגער רוזינער, פלעגט ציטערען אריין צוגיין אל הקודש פנימה, ער איז אמאל ארויסגעקומען נאכ'ן רעדן מיט'ן רבי ווען טרערן רינען פון זיינע אויגן, און האט געזאגט: "גלייבט'ס מיר איך האב פון איהם מורא, מער ווי פון זיין זיידע'ן". אויך האט ער נישט געוואלט פסק'ענען קיין הלכה שאלות, ווען ער איז געווען אין באיאן, און ער פלעגט זאגען: "דא פסק'ען איך נישט, דא קען איך נישט לערנען". איינמאל בשעת ער איז געווען אין צימער, אינמיטען רעדען מיט'ן רבי'ן, איז ער ארויס געלאפען פון צימער, זיך אוועק געזעצט אויף א באנק, און צוריק אריין געלאפען אין צימער, שפעטער, ווען מען האט איהם געפרעגט וואס איז געווען פשט, האט ער גע'ענפערט אז די רבי האט איהם געבעהטען זיך אוועק צו זעצען, האט ער נישט געוואוסט וואס צו טוהן, ווייל מען טאהר דאך נישט זיצן פאר א רבי, איז ער ארויס געלאפען, זיך אוועק געזעצט, און אזוי געפאלגט די רבי!.

די עהרע און שעצונג וואס מען האט געהאט פאר'ן רבי איז נישט געווען בלויז פון די חסידים, נאר אפילו פון די גאר נאנטע משפחה. מען האט אמאהל געפרעגט זיין עלסטער זוהן הרה"ק ר' מנחם נחום, פארוואס זענען די חסידים אין סאדיגורא געווען גרויסער עשירים, בזכות די אלטער רבי פון סאדיגורא, וואס האט משפיע געווען עשירות און פרנסה בריווח, אבער דא אין באיאן זענען נישט דא צופיל עשירים, האט ער גע'ענפערט: "די הייליגער טאטע באלאנגט נישט אין דיע דור, ער וואלט גדארפט אראף קומען אסאך פריער!". די רבי'ס איינציגע טאכטער מרים, האט חתונה געהאט מיט הרה"ק ר' דוב בער, די זוהן פון הרה"ק ר' ישראל, אין יאר תרנ"ט, נאך בחייו פון די זיידע הרה"ק ר' דוד משה פון טשארטקוב, ערב שבת אויפרוף אין באיאן, האט די זיידע הרה"ק פון טשארטקוב געבעטען פון זיין גבאי איהם צו זאגען ווען די רבי גייט דאווענען שחרית. ווען ס'איז געקומען די צייט, האט הרה"ק פון טשארטקוב שנעל צוגעלאפען צום פענסטער און געקוקט ווי די רבי גייט אויפען וועג פון זיין שטוב צום קלויז. נאכדעם האט ער זיך אנגערופען: "די גאנצע פמלי' של מעלה באגלייט איהם אויף זיין וועג".

עס שטייט, "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", אפילו ווען דער צדיק מיינט נישט צו גוזר זיין. א חסיד איז אמאל אריין צו די רבי, אבער אן אנדערע חסיד איז שוין דארט געשטאנען און געוויינט. דער חסיד וואס איז דארט פריער געווען האט זיך געשעמ'ט און אויפגעהערט צו רעדן. דער רבי האט זיך אנגערופן און געזאגט: "די קענסט ווייטער רעדען, ער הערט במילא נישט". און טאקע, דער צווייטער חסיד האט אויפגעהערט צו הערן, ווען די ערשטער חסיד איז ארויס, האט דער צוויטער חסיד געזאגט אז ער ווייסט נישט וואס האט פאסירט, אבער פלוצלינג הערט ער נישט. האט דער רבי געפרעגט: "אבער אז מ'רעדט צו דיר הערסטו?", האט ער גע'ענפערט "יא", האט דער רבי געזאגט: "איז דאך גוט", און טאקע אזוי איז געווען זינט דעמאלס ביז דער איד איז נפטר געווארען האט ער נאר גע'הערט ווען מען האט ג'רעדט צו איהם דירעקט!.

די ווייב פון איינער פון די חסידים איז ל"ע נישט געזונט געווארען, איז איהר מאן געפארען קיין באיאן איהר מזכיר צו זיין ביים רבי'ן, ווען ער איז אנגעקומען האבן די גבאים איהם געזאגט אז מ'קען נישט אריין גיין צום רבי'ן היות ער שפירט זיך יעצט נישט גוט, די חסיד האט נישט גע'קענטווארטען צו לאנג, איז ער צוגעגאנגען צו די טיהר פונ'ם רבי'ס שטוב, אנגערירט די קלאמקע פון אינדערויסען, געשעפשעט די נאמען פון זיין ווייב מיט איהר מאמע'ס נאמען לרפו"ש, און צוריק אהיים געפארען. ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געזעהן אז די מצב פון זיין פרוי האט זיך ב"ה פארבעסערט.

איינער פון די חסידים וואס איז געשטעלט געווארען דורך די רבי ארום צו פארן קלייבען געלט פאר "מעות ארץ ישראל", איז אמאהל אנגעקומען אין א שטאט, וואס אין יענער שטאט האט געוואוינט א מתנגד, און דער מתנגד האט אנגעהויבען מזלזל צו זיין און בארעדן די חסיד, און די רבי, און ער האט געזאגט פאר די שטאט'ס מענטשען אז די חסיד זאגט טאקע אז ער קלייבט געלט פאר ארץ ישראל, אבער אין אמת'ן קלייבט ער עס פאר זיך, און מען נוצט עס אויס אין באיאן, און עס קומט אפילו נישט אהן אין ארץ ישראל, און ער האט געזאגט: "געבט'ס מיר די געלט, וועט עס אנקומען ווי עס דארף", די חסיד האט טאקע גארנישט באקומען אין יענער שטאט. ווען ער איז צוריק געקומען קיין באיאן, און איז אריין צו די רבי, האט ער איבערגעגעבען פאר די רבי די רשימה פון די סכומים פון די אלע שטעט, האט די רבי איהם געפרעגט ווייזענדיג אויפ'ן רשימה: "ווי איז יענער שטאט?", די חסיד האט זיך פראבירט אויסצודרייען, און נישט געוואלט ענטפערן, אבער די רבי האט נישט נאכגעלאזט, און זאגט איהם אהן אלעס צו דערציילען, האט די חסיד דערציילט אז ער איז אריין אין שטאט און געזעהן צעטליך אין די גאסען און אין די בתי מדרשים קעגן איהם, און קעגען די רבי, האט די רבי איהם געפרעגט: "פון וועמען רעדסטו?, פון עפעס א משוגענער?". א פאר יאר שפעטער נאך וואס ער האט נישט באזוכט אין יענער שטאט אלס מורא פון די מתנגד, האט זיך אמאהל געמאכט אז ער איז יא אנגעקומען אין יענער שטאט, צו זיין וואונדער זעהט ער ווי די שטאט'ס מענטשען לויפען איהם אנטקעגען, און געבען איהם געלט פאר צדקה, און זיי זאגען איהם, צו קומען זעהן וואס האט פאסירט צו די מתנגד, האט ער געזעהן ווי די מתנגד ליגט אין גאס פארשמירט מיט שמוץ מיט צוריסענער קליידער, און ער איז אינגאנצען משוגע געווארען.

א חסיד איז אמאל געפארן צו באיאן נאך 7 יאר וואס ער איז שוין נישט דארט געווען, ווען ער איז אריין צו די רבי האט די רבי איהם געזאגט: "ס'איז שוין 3 יאר וואס ביסט נישט דא געווען", די חסיד האט זיך זייער געוואונדערט, אבער גארנישט געזאגט פאר'ן רבי, אבער נאכען ארוסגיין איז ער געגאנגען פרעגן די רבי'ס עלסטער זוהן הרה"ק ר' מנחם נחום, וואס איז פשט. האט ער איהם געפרעגט צו ער האט אפשר געוואלט קומען פאר 3 יאר צוריק, האט דער איד זיך דערמאנט אז ער איז טאקע שוין געשטאנען ביים באן סטאנציע אויפן וועג צו באיאן, ווען מען האט אים צוריק גערופן פאר א וויכטיגע זאך. האט הרה"ק ר' מנחם נחום אים געזאגט: "וויסען זאלסטו אז ווען א חסיד גרייט זיך נאר צו פארן צום טאטע'ן, נעמט שוין די טאטע די חסיד אויף זיינע פלייצע".

איינער פון די חסידים איז אמאהל אריין אל הקודש פנימה, נאכ'ן באקומען רשות פון גבאי אז עס איז געקומען זיין רייע, צו זיין וואונדער האט ער געזעהן ווי עס שטייט א איד און רעדט מיט די רבי, ווען די חסיד האט זיך דערנענטערט האט די רבי זיך אויסגעדרייט צו איהם און געזאגט ווייזענדיג אויפ'ן איד וואס איז דארט געשטאנען: "די איד קען יעצט נישט אהיים פארן, בעהט איך דיר טוה מיר די טובה, נעם די סכום געלט וואס ער

געט דיר, און אויפ'ן וועג אהיים, פאר אריבער זיין שטעטיל, גיב איבער די געלט פאר די איד'ס פרוי, און זאג איהר עס איבער צו געבען פאר יענעם מענטש פון וועמען די איד האט עס געלייט, און זי זאל איהם בעהטען אויס צו מעקען די חוב פון זיין ביכל", די איד האט גענומען די געלט, איבער געגעבען זיין קוויטיל פאר'ן רבי, די רבי האט איהם אנגעוואונטשען, און די איד איז ארויס געגאנגען, ווען ער איז אנגעקומען אין יענער שטעטיל ווי די רבי האט איהם געשיקט, איז ער געגאנגען צו יענער'ס פרוי, און האט איהר געזאגט: "א גריס פון אייער מאן, איך האב איהם געזעהן און באיאן, ביים רבי'ן, און ער האט דיר געשוקט...", ער האט נאך געהאלטען אונמיטען רעדען, ווען די פרוי האט גע'חלש'ט, ער האט איהר דערמינטערט, און געפרעגט וואס האט פאסירט, האט זי גע'ענפערט: "וואס פארשטייסטו נישט, די גיבסט מיר איבער א גריס פון מיין מאן וואס לעבט שוין נישט אפאר יאר!".

עס איז אמאל געקומען א גביר צו די רבי און האט געזאגט אז וויבאלד ער האט נישט קיין קינדער האט ער מחליט געווען צו געבן די רבי האלב פון זיין פארמעגן אויב די רבי וועט זאגן קדיש פאר איהם נאך ער וועט נפטר ווערן.  דער רבי האט נישט מסכים געווען און האט געזאגט: "ווער ווייסט ווער ס'וועט גיין פריער". און טאקע דער רבי איז נסתלק  געווארן א יאר פאר דעם חסיד.

נאך איינער פון די חסידים, פון ירושלים, וואס איז געווען א גביר, איז אמאהל געפארען קיין באיאן, און געבעהטען די רבי אז ער זאל איהם אנוואונטשען מיט קינדער, וויבאלד ער האלט שוין אסאך יאר'ן נאכ'ן חתונה, און ער האט נאכנישט זוכה געווען מיט קיין קינדער. די רבי האט זיך פארטראכט, און דערנאך זיך אנגערופען: "מ'טרעפט אין חז"ל אז ס'איז דא פיר סארטן מענטשען וואס זענען 'חשוב כמת', איינס איז איינער וואס האט נישט קיין קינדער, און איינס איז אן עני", דער חסיד האט גלייך פארשטאנען די רבי'ס ווערטער, און זיך גלייך אנגערופען: "אפילו אויב ס'איז נגזר געווארען אויף מיר צו זיין 'חשוב כמת', דארף עס אבער נישט זיין אהן קינדער, ס'קען דאך זיין אלס עני אויך", און אזוי איז טאקע געווען, ביז א קורצער צייט האט די חסיד פארלוירען די גאנצע געלט, און איז געווארען אן עני ואביון, אבער א קורצער צייט שפעטער האט ער געבוירען זיין ערשטער קינד, פון פיר קינדער!.

דער רבי האט שטענדיג גערעדט פון אחדות און געבעטן אז זיינע חסידים זאלן זיך פירן באחדות. איין מאל האט ער געזאגט: "קשה עלי פרידתכם" (רש"י פ' אמור כ"ג, ל"ו) – די זאכן וואס עס שטייט אויף זיי "קשה עלי" ווי קשה זיווגי של אדם, קשין מזונותיו של אדם; איז נאר צוליב "פרידתכם" ווייל ס'איז דא פירוד און מחלוקת צווישן אידן.

אויך האט זיך דער רבי שטארק קעגנגעשטעלט אויף רעדן אינמיטען דאווענען. ס'איז געווען בשעת ווען מען האט געהאלטן אינמיטן בויען א קלויז אין איינער פון די שטעט, איז מען אריין צום רבי פרעגן צו מען זאל פארבן די ווענט מיט פשוטע פארב אדער מען זאל מאלען בילדער. האט דער רבי זיך אנגערופן: "איר רעדט פון מאלן?, אפשר וואלט געווען געמאלט אז מ'זאל נישט רעדן אינמיטען דאווענען!"

א פרוי איז אמאל געקומען צו דער רבי און געזאגט אז זי וויל איר זוהן זאל זיך לערנען א פאך, און זי האט געבעטן פאר דער רבי'ס רשות. זי האט געטענ'ט אז אויב מען לערנט נישט אויס די קינדער א פאך, איז עס ווי

מען קוליט (הארג'ט) זיי". האט זיך דער רבי אנגערופן, "אזוי דארף טאקע זיין, מ'דארף טאקע קויל'ן די קינדער, 'הקול קול יעקב'".

די רבי פלעגט שטענדיג זאגען אז א איד דארף זיכער מאכען אז יעדער תנועה וואס ער טוט דארף זיין לשם שמים, און אפי' ווען א מענטש פאסט, אדער שלאפט נישט, רעדט נישט וכו', כדי אנצוקומען העכער אין עבודת השם, קען עס אויך זיין אז דאס שטאמט נישט פון די יצר טוב, נאר עס שטאמט פון עקשנות נישט איינצוגעבן אפילו ווען ער שטרענגט זיך איבער. נאר א מענטש דארף עסן ווען ס'איז צייט צו עסן, שלאפען ווען ס'איז צייט צו שלאפען, וכו', און אזוי דינען דעם אייבערשטער מיט'ן פולען כח און קראפט. דער רבי האט אמאהל געזאגט אויפען לשון חז"ל, "אין קידוש אלא במקום סעודה" – אז א מענטש וויל זיך מקדש זיין ביים עסן, קען דאס נאר זיין "במקום סעודה" – אז ער עסט ביים צייט פון עסן".

נאך די פטירה פון דער רבי איז א מענטש אריינגעקומען צו די בוהוש'ער רבי און געזאגט אז יעצט אז דער באיאנ'ער רבי איז שוין נסתלק געווארן קען ער דערציילן וואס עס האט פאסירט ביי איהם. "ווען מיין זוהן איז געווען יונגער האט ער זיך גע'חבר'ט מיט נישט גוטע חברים און ער האט מחליט געווען זיך צו שמד'ן ר"ל, ביי א גלח אין דו שטאט קראקא. וואס איך האב איהם געזאגט צו פראבירן איינצורעדן דאס נישט צו טוהן האט נישט געהאלפן און ער איז געפארן צו קראקא. ער האט שוין באשטעלט א טאג ביים גלח, זיך צו שמד'ן ר"ל. צובראכן בין איך געלאפן צום רבי און זיך שטארק צעוויינט אויף מיין שרעקליכע צרה. דער רבי האט מיר אנגעוואונטשן . האב איך געשריגן: "רבי, גענוג מיט די ברכות, יעצט דארף איך עפעס למעשה!". דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט און ארומשפאצירט די צימער. נאך עטליכע מינוט האט דער רבי זיך אנגערופן: "פאר צו קראקא און דריי זיך ארום די קלויסטער ווי דיין זוהן געפונט זיך, און זאג איבער צו זיך דריי מאל מיין נאמען 'יצחק בן מרים' און פאר גלייך אוועק פון דארט". און פאר איך בין ארויס האט דער רבי מיר צוריק גערופן און געזאגט איך זאל מאכן זיכער דאס נישט איבער צו דערציילן פאר קיינער". דער חסיד האט ווייטער דערציילט: "איך האב געטוהן ווי דער רבי האט געהייסן און ווען איך האב שוין געהאלטן ביים אוועקפארן נאכ'ן איבערזאגן דער רבי'ס נאמען, ווען איך האב געהערט ווי איינער לויפט מיר נאך. איך האב זיך אויסגעדרייעט און געזעהן ווי מיין זוהן לויפט מיר נאך און רופט צו מיר איך זאלווארטן. שפעטער האט ער מיר דערציילט אז ער ווייסט נישט פארוואס אבער פלוצלינג האט ער באקומען א הרהור תשובה און ער איז ארויסגעשפרינגען פון די פענסטער כדי צו אנטלויפן און אזוי האט ער מיר באמערקט". נאך דער חסיד האט גע'ענדיגט דערציילן די מעשה האט דער בוהוש'ער רבי געזאגט: "מיט דעם קען מען פארשטיין וואס חז"ל האבן געמיינט מיט'ן זאגן: "שמא קא גרים", 'שמא' – מיט'ן נאמען אליין , 'קא גרים' – איז מען גורם א הרהור תשובה".

ימים נוראים תרע"ד זענען געווען די לעצטע הייליגע טעג וואס איז אפגעראכטען געווארן אין דעם פרעכטיגען באיאנער הויף, ווייל אין דעם פאלגענדען זומער אום תשעה באב שנת תרע"ד האט אויסגעבראכן דער ערשטע וועלט'ס מלחמה און יעדער איז אנטלאפן ממות לחיים, דער רבי זכרונו לברכה האט אלע יארן מיט גרויס בענקשאפט דערמאנט די לעצטע ימים נוראים ביי זיין טאטע אין די באיאנער הויף, בהיותו אל תילה בנוי'.

בשעת דער ערשטע וועלט'ס מלחמה איז די רבי אוועקגעפארען פון באיאן צו די שכינות'דיגע שטאט טשערנאוויץ, דארט איז צו איהם געקומען זיין פלומעניק הרה"ק ר' אברהם יעקב, די "אביר יעקב" פון סאדיגורא זצ"ל (א זוהן פון זיין ברודער הרה"ק ר' ישראל) און ער האט משכנע געווען די רבי אז ער זאל

אנטלויפן קיין וויען, עסטרייך, וואס איז געווען דאס געזיכערסטע ארט, די רבי האט איהם געענטפערט: "מיר וועלן פארן צוזאמען!". האט הרה"ק ר' אברהם יעקב איהם פרובירט צו זאגן אז ער דארף קודם צוריקפארן קיין סאדיגורא און ער וועט נישט צוריק קומען קיין טשערנאוויץ בעפאר דער באן וועט אפפארן, די רבי האט אבער נישט נאכגעלאזט און געזאגט: "איך האב מחליט געווען צו פארן ביז עטליכע שעה און איך וויל דו זאלסט מיטפארן!". זיי האבן געקויפט א בילעט (ticket) פאר א באן וואס האט געדארפט ארויספארן פון טשערנאוויץ קיין וויען אפאר שעה שפעטער. דערווייל איז די אביר יעקב צוריק אהיים געפארען פאקן זיינע פעקליך און נעמען די ספרי תורה וואס ער האט געהאט בירושה. נאכ'ן זיך יאגן איז ער אנגעקומען צו די באן סטאנציע דריי פערטל שעה שפעט, האט ער געזען פארוואונדערטערהייט אז די באן איז נאך אלי'ן דארט געווען נאך פאר'ן אפפארן, און דערין זיצט דער "פחד יצחק" מיט די גאנצע משפחה, דער רבי האט געהאלטען דעם זייגער אין די האנט און איז געווען דבוק בשרעפי קודש, ערשט נאך ער איז ארויף אויפ'ן באן האט עס אנגעהויבן צו פארן, ווען דער רבי האט דערזעהן הרה"ק ר' אברהם יעקב האט ער געזאגט: "דריי פערטל שעה האב איך געמוזט אפהאלטן די באן וועגן אייך!". דאס איז געווען די לעצטע באן וואס איז ארויס פון טשערנאוויץ ביז נאך די ענדע פון די ערשטע וועלט מלחמה!!!.

אין וויען האט דער רבי געקויפט א קליינע הויז אויף א שטילע גאס, מיט איהם צוזאמען האט געוואוינט זיין עלטסטער זוהן הרה"ק ר' מנחם נחום, און זיין בת יחידה מיט זיין איידעם הרה"ק ר' דוב בער'ניו פון טשארטקוב זצ"ל, די אנדערע בני משפחה האבן געהאט דירות און די אנדערע גאסן. די הויפט שטאט וויען האט זוכה געווען צו זיין די אכסני' פון אסאך צדיקים ובפרט פון ממלכת רוז'ין, וואס זענען אריבערגעקומען קיין וויען אין די מלחמה יארן, צווישען זיי איז געווען הרה"ק ר' ישראל פון טשורטקוב זצ"ל, הרה"ק ר' ישראל פון הוסיאטן זצ"ל און הרה"ק ר' יצחק מאיר פון קאפיטשניץ זצ"ל. אין וויען איז דער רבי אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש ווי פריער, און ער האט דארט אויך געפירט די הייליגע טישן און געזאגט אמרי קודש, פאר די צאל חסידים, וועלכע פלעגן קומען צו איהם פונעם דענעבענדיגען אידישען קווארטייל, און פון די דערנעבענדיגער שטעט.

צוויי יאר נאך ער איז אנגעקומען קיין וויען איז ער קראנק געווארען אבער נאך די פיל תפילות פון אלע זיין חסידים, וואס האבן זיך צאמגענומען אין די קלויז, בראשות פון די אנדערע רבי"ס לבית רוז'ין ובתוכם הרה"ק ר' ישראל פון הוסיאטין וואס האט זיך דענסמאלט אנגערופען "לאמיר דאווענען פאר'ן רפואה פונ'ם גדול הדור", איז ער ב"ה בעסער געווארען און געקענט ווייטער פירן די הייליגע טיש'ן. די קומענדיגע פורים וואס איז געווען אויף דאנערשטאג פ' כי תשא, האט ער נאך געפירט א טיש ווי אלע פריערדיגע יארן. די מוצאי שבת נאכדעם, מוצש"ק פ' כי תשא, אור לי"ז "שיבסר" אדר האט דער רבי ארייגערופן זיין רביצין, זי איז נאכדעם ארויס מחדרו קודשו מיט פארוויינטע אויגען. זי האט געבעטען מען זאל אריין רופען דעם עלסטער זוהן הרה"ק פון טשערנאוויץ, און אויך ער איז ארויס מיט פארוויינטע אויגען, און מיט א פארשטיקטער קול זיך אנגערופען: "אידן בעטס אויס דעם טאטע'ן". און דערנאך געבעטען אז די אנדערע ברודער זאלען אריין גיין איינער נאכען צוויטען אונ'ם סדר פון זייערע עלטער, און אויך זיי זענען ארויס מיט פארוויינטע אויגען. דערנאך זענען די חסידים אריין און געזען ווי די רבי ליגט אין בעט מיט פארמאכטע אויגען, און ער האט געזונגען די "דביקות ניגון" און אזוי איז זיין הייליגע נשמה טהורה ארויף לגנזי מרומים מתוך דביקות.

צוליעב די קורצער צייט פון ווען ער איז קראנק געווארען ביז די הייליגער נשמה איז ארויף, האט מען נישט אנגעיאגט צו מודיע זיין אז די רבי איז קראנק געווארען, אפילו פאר די גאר נאנטע משפחה, די אנדערע

אדמור"י בית רוז'ין, ביז נאך די פטירה, ווען זיין שוואגער הרה"ק ר' ישראל פון טשארטקוב האט געהערט פון די פטירה האט ער געגעבען א קרעכטץ און געזאגט: "אוי, אוי, אויף די גרויסער אבידה, מ'האט איהם דאך פארכאפט פון אונז, כדי מיר זאלען נישט קענען מתפלל זיין אויף איהם", און ער איז גלייך געגאנגען צום רבינ'ס דירה. אויך הרה"ק ר' ישראל פון הוסיאטין, וואס האט אויך דענמאלס געהערט פון די אומגליק, איז אנגעקומען און ער איז גלייך אריין אין די דירה, גלייך צוגעגאנגען אין א ווינקעל און זיך גענומען שרעקליך צו וויינען.

די לווי' איז ארויס, אויפצומארגענס זונטאג צופרי שיבסר אדר, בהשתתפות טויזענטער צובראכענער חסידים, און מען האט באגלייט די ארון ביז צום בית החיים אין דעם שטאט, און דארט איז זיין מנוחת כבוד א מקום תפלה פאר די הונדרעטער חסידים וואס קומען זיך אויסבעטען און דאווענען עד היום הזה.

נאכ'ן פטירה האב'ן זיינע פיר הייליגע זוהן איבער גענומען די חסידים יעדער אויף א צווייטער פלאץ. די עלסטער זוהן הרה"ק ר' מנחם נחום איז געפארען וואוינען אין די שטאט טשערנאוויץ, בוקאווינע, וואס איז לעבן די שטעטיל באיאן; די צווייטער זוהן הרה"ק ר' ישראל איז געפארען וואוינען אין די שטאט לייפציג, דייטשלאנד, און דערנאך אין תל אביב; די דריטער זוהן הרה"ק ר' אברהם יעקב איז געפארען וואוינען אין די שטאט לעמבערג, גאליציע; און דער אינגסטער זוהן, די בן זקונים, הרה"ק ר' מרדכי שלמה איז געפארען וואוינען אין ניו יארק, אמעריקע. היינט זענען מיר זוכה צו ווערען געפירט דורך די אייניקיל פון הרה"ק ר' מרדכי שלמה זצוקללה"ה וואס פירט די טויזענטער באיאנער חסידים בכל מושבותיהם, פון זיין וואוינונג אין ירושלים עיה"ק.

זיינע תורות האבן די חסידים צוזאמען געקליבן און געדרוקט אין די ספרים בנין שלמה, בית צדיקים, הגדה בית היין, ילקוט אמרי קודש פחד יצחק, ילקוט אורייאן תליתאה, אמת ואמונה, ליקוטי אורות אין אויך אביסעל און דברים נחומים פון זיין עלסטער זוהן הרה"ק ר' מנחם נחום.

זכותו יגן עלינו  ועל כל ישראל אמן!

מקורות: ספר נר ישראל, ימי זכרון רוז'ין, אוהבן של ישראל, משכנות הרועים באיאן, עלון דחסידי באיאן, דער בליק, תפארת ישראל  טשורטקוב,

הרה"ק ר' ישראל
ה"בעש"ט הקדוש"

תלמידו

הרה"ק ר' דוב בער
"די מעזריטשער מגיד"

הרה"ק ר' אברהם המלאך

הרה"ק ר' שלום שכנא פון פראהבישט
די גרויסער ר' שלום

הרה"ק ר' ישראל פון רוז'ין
"די הייליגער רוז'ינער"
ג' תשרי תקנ"ב - ג' חשון תרי"א



די קלויז אין סאדיגורא



די קלויז און די הויף אין באיאן



הרה"ק ר' אברהם יעקב
דער אלטער רבי פון סאדיגורא
כ' חשון תקפ"פ - י"א אלול תרמ"ג

רבינו הרה"ק ר' יצחק
דער רבי פון באיאן, דער "פחד יצחק"



הרה"ק ר' מנחם נחום
פון באיאן - טשערנאוויץ
כ"א כסליו תרכ"ט - י"ט אב תרצ"ו



הרה"ק ר' ישראל
פון באיאן - לייפציג
כ"ד אלול תרל"ח - ל' אב תשי"א



הרה"ק ר' אברהם יעקב
פון באיאן -לעמבערג
כ"ד ניסן תרמ"ד - ב' אלול תש"א



הרה"ק ר' מרדכי שלמה
פון באיאן - ניו יארק
י"ג תשרי תרנ"א - ה' אדר תשל"א

בן בתו

כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

